פרשת צו שבת הגדול, י"ד ניסן תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ע'


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................... 6:59
**סוף זמן אכילת חמץ ... 10:35**
מוצאי ערשטע טעג.................. 8:32

# קרית ברסלב בלעטל


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א


# א מעשה פון תפלה

## שמעון קורדוזו

איין טאג בין איך געווען זייער אויסגעמוטשעט, איך האב מיר געוואלט אראפ לייגן שלאפן פאר א שעה, אבער אין שטוב האט מען געוואלט איך זאל נאך העלפן אביסל און איך זאל נאר זיך אראפלייגן שלאפן פאר א האלבע שעה, שטילערהייט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מיר יא קענען אראפלייגן פאר א שעה צו זיין גוט אויסגערוהט, למעשה האט דער אייבערשטער געמאכט א נס אז די זייגער אין קאך האט זיך אפגעשטעלט פאר א האלבע שעה, נאך א האלבע שעה האט עס צוריק אנגעהויבן ארבעטן, אזוי האט מען נישט געכאפט אז ס'איז שוין דורך א גאנצע שעה פון ווען איך האב מיר אראפ געלייגט און איך האב מיר געקענט גוט אויסרוען. שכח אייבערשטער!

## מנחם שטיינבערג

איך האב געקויפט א שפיגל פאר מיין דירה, איך האב מיר זייער געמוטשעט צאמצושטעלן די שפיגל און עס ארויפלייגן אויפ'ן וואנט, די אינסטראקשן צעטל וואס קומט מיט צוזאמען מיט'ן שפיגל האט מיר גארנישט געקענט ארויסהעלפן, איך האב פרובירט אלע וועגן אבער ס'האט נישט געהאלפן, איך האב מיר גענומען בעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף מיר איך זאל קענען אינסטאלירן דעם שפיגל שנעל און גרינג", ממש נאכ'ן בעטן דעם אייבערשטן האב איך מיך געכאפט אז איך דארף פשוט האבן א גרעסערע ביט פאר'ן דרילער, איך האב גענומען א גרעסערע ביט און עס האט געארבעט א מחיה, ביז א מינוט איז עס שוין געהאנגען שיין אויפ'ן וואנט.

## פנחס דוד וועבערמאן

א) איך האב פארלוירן מיין קאוט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן מיין אלטע אדער קענען קויפן א נייע, דער אייבערשטער האט געהאלפן איינער איז מיר געקומען זאגן איך קען קויפן א קאוט אויף זיין חשבון. שכח אייבערשטער!

ב) איין טאג בין איך אריין געפארן אין שטאט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א פארקינג און איך האב ברוך השם גלייך געטראפן, שפעטער האב איך נאכאמאל געדארפט פארקינג האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן פארקינג, און ברוך השם איך האב גלייך נאכדעם געטראפן פארקינג.

צו איבערגעבן א מעשה פון תפלה רופט 845-379-1161

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר'ן חשובער איבערגעגעבענער מנהל

**אברהם משה שטראססער נ"י וזוגתו תחי'**

צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

# נייעס אין שטעטל

## שיינע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א

פארגאנגענעם מאנטאג ויקרא איז געווען גאר א שיינע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א, אויך איז מיטגעקומען דער חשובער דיין דקהילתינו הרב ר' יונה זינגער שליט"א.

צום ערשט איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער געגאנגען אין בית המדרש זיך אומקוקן אויף די קאנסטראקשן וואס מען האלט יעצט אינמיטן, אזוי אויך איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויף צו זיין דירה צוגרייטן די הויז פאר פסח עס זאל זיין גע'כשר'ט כדת וכדין.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער אין תלמוד תורה זיך אומקוקן אין אלע חדרים וויאזוי די מלמדים לייגן אריין זייער גאנצע כוח און מח די קינדער זאלן מצליח זיין, און כיתה ד' האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן גאר א שיינע שיעור פאר די קינדער, ארויסברענגענדיג די גרויסקייט און די הייליגקייט פון די הייליגע מצה, עס ברענגט אמונה אויפ'ן מענטש, אזוי אויך ברענגט עס אלע רפואות.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן א שיעור פאר אלע איינגעשטעלטע פונעם הייליגן מוסד, ארויסברענגענדיג די חשיבות פון ארבעטן פאר'ן הייליג'ן רבינ'ס מוסד, אז דאס איז די גרעסטע און חשוב'סטע ארבעט וואס איז נאר פארהאן.

נאכדעם איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער געגאנגען זיך אימקוקן אויף די ארבעט ביי די נייע הייזער וואס בויעט זיך אין שטעטל.

ביינאכט נאך מנחה מעריב האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגערופן דעם דיין שליט"א ער זאל ארויפקומען געבן א הלכות כללי שיעור אויף פסח, וואס אנדעם קען מען נישט צוגיין צום יום טוב.

## הכנות צום יום טוב פסח אין שטעטל

גאר העפטיגע הכנות איז פארגעקומען אין שטעטל בעפאר יום טוב, מען איז פארנומען געווען צו זעהן וואו מען קען שאפן מצות, וויין, און אזוי אויך אנדערע געברויכן פאר'ן הייליג'ן יום טוב.

אזוי אויך אין חדר און אין סקול האט מען אגאנצן טאג גערעדט פון די געשמאקע יום טוב וואס קומט שוין אט אט צוגיין.

איין נאכט ווען דער דיין שליט"א איז געווען אין שטעטל זענען אלע אריבער צום דיין שליט"א פארקויפן די חמץ.

ווער עס האט געדארפט הילף צו קויפן פאר פסח האט זיך געוואנדן צום בית התבשיל אנגעפירט דורך האברך שלמה יאקאבאוויטש הי"ו און ער האט געמאכט זיכער אז עס ווערט צוגעשטעלט פון די בעסטע און די שענסטע.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל שוין דערלעבן צו עסן פונעם קרבן פסח בקרוב אין אונזערע טעג.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת - עֶסְן דִי מַצָּה אוּן דִי מָרוֹר, טְרִינְקֶען דִי ד' כּוֹסוֹת, אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ; דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה אוּן קְדוּשָּׁה.

יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): "**וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר**", דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז אַלֶעס גֵייט אִים פַארְקֶערְט וִוי עֶר וִויל, "**שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**", דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט: "אִיךְ וִויל!" וָואס מִיט דֶעם טֵיילְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר**", אוּן אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל; דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן וִויל - בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן', דֶעמָאלְט וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

נֶעכְטְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "**וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי, וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי - עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד**", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן טָאג גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן - סֵיי פוּן מִיר אוּן סֵיי פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט.

"**וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב**", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, "**אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב - לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ**", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד**". אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּער קְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן צִי נִישְׁט.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן עֶסְן פֶּסַח דִי אַלֶע זַאכְן וָואס קוּמֶען הַיינְט אַרוֹיס מִיט אַן הֶכְשֵׁר; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי רַבָּנִים וָואס גֶעבְּן אַן הֶכְשֵׁר אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן!" אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאךְ נִישְׁט וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן קַיין חָמֵץ אַז זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען עֶסְט סִירְיֶעל, פִּיצַא אוּן בֶּעיגְל'ס וְכוּ'; פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען עֶסְט נִישְׁט נָאר וָואס מֶען מַאכְט אִין שְׁטוּבּ אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי דִי עֶלְטֶערְן. **קוֹיף אַסַאךְ מַצָּה**, דָאס זָאלְסְטוּ עֶסְן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב - דוּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; **יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָּה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָּה אֱמוּנָה.**

מִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיס צוּ מַאכְן חוֹל הַמּוֹעֵד אִין יְשִׁיבָה אַ צַייט פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען וֶועט זֵיי וַוייזְן כָּשֵׁר'עֶ עֶרְלִיכֶע פְּלֶעצֶער וָואס מֶען הָאט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אִין יְשִׁיבָה - סֵיי פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ, כְּדַאי זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּ קַיין שׁוּם פְּלֶעצֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

~~~~~~~~~~~~~

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', עֶרֶב פֶּסַח, י"ד נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צַייט יֶעצְט פוּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, דָאךְ וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער וִוי זִיךְ צוּ פִירְן הַיינְט, אַ סֵדֶר הַיּוֹם פַאר עֶרֶב פֶּסַח.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לוֹיף דַאוֶונֶען; בִּיז 10:15 קֶענְסְטוּ נָאךְ עֶסְן חָמֵץ נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין פַארְבְּרֶענֶען דִי חָמֵץ, עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע תְּפִילָּה וָואס מֶען בֶּעט בִּשְׁעַת שְׂרֵיפַת חָמֵץ; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן רֵיין אוּן הֵיילִיג, מִיר זָאלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס מַאכְט אוּנְז מְשׁוּגָע אוּן פַארְדְרֵייְדְט אוּנְז דֶעם קָאפּ מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּרִיוו פוּן רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן מֵאַסְטְרָאפָּאלְיָא זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה יֶעדְן עֶרֶב פֶּסַח; צוּם סוֹף פוּנֶעם בְּרִיוו שְׁטֵייט אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם בְּרִיוו עֶרֶב פֶּסַח: "**מֻבְטָח לוֹ שֶׁיִּנָּצֵל בְּאוֹתָהּ שָׁנָה מִכָּל מִכְשׁוֹל וּמִמִּיתָה מְשֻׁנָּה, וְשׁוּם אָדָם לֹא יִמְשֹׁל בּוֹ, וְכָל אוֹיְבָיו יִפְּלוּ תַּחְתָּיו, וּבְכָל אֲשֶׁר יִפְנֶה יַצְלִיחַ וּבְכָל עֲסָקָיו יַרְוִיחַ**", דֶער וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים (דוּ קֶענְסְט זֶען דֶעם בְּרִיוו אִין הַגָּדַת 'אוֹר זָרוּעַ').

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טְרֶעפְן זִיךְ אִינֶעם בְּרִיוו וֶוען עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן אֲרִיזַ"ל דֶעם סוֹד אִינֶעם וָוארְט 'אֲשֶׁר', "**וּכְמִנְיַן אֲשֶׁר, וְזֶהוּ סוֹד כַּוָּנַת הַכָּתוּב בְּסֵדֶר בֹּא: "וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם", אֲשֶׁר דַּיְקָא, שֶׁהוּא כְּמִסְפַּר תק"א, וְכַיּוֹצֵא בּוֹ הַרְבֵּה פְּסוּקִים אֶלֶף, שֶׁמּוֹרִים עַל זֶה לְסוֹד אֲשֶׁר, כְּמִנְיַן רָאשֵׁי תֵיבוֹת שֶׁל עֶשֶׂר מַכּוֹת כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ, וְיֵשׁ לָנוּ בָּזֶה סוֹדוֹת נִפְלָאִים. וּכְבוֹד אֱלֹהִים הַסְתֵּר דָּבָר**", מִיר וֵוייסְן וָואס דֶער סוֹד פוּן 'אֲשֶׁר' אִיז, וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם '**אֲשֶׁר בַּנַּחַל**' וָואס אִיז מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא אָפֶּענְקֵייט אוּן שְׁטַארְקֵייט אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זָאגְן דִי הַגָּדָה מִיט שִׂמְחָה; אֲפִילוּ דוּ פְּרַאוֶועסְט נִישְׁט אַלֵיינְס דֶעם סֵדֶר, דוּ בִּיסְט בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער בַּיי דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן אוּן זַאכְן בַּאדֶערְן דִיר וְכוּ' זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין אַן עַצְבוּת רַחְמָנָא לִצְּלַן, נָאר הַאלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, וַוייל דֶער וָואס זָאגְט דִי הַגָּדָה אוּן עֶר פְרֵייְדְט זִיךְ מִיט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועט זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אִין עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי עֶס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (שָׁם): "**כָּל בַּר נָשׁ דְּאִשְׁתָּעֵי בִּיצִיאַת מִצְרַיִם, וּבְהַהוּא סִפּוּר חַדֵּי בְּחֶדְוָה, זַמִּין אִיהוּ לְמֶחְדֵי בִּשְׁכִינְתָּא לְעָלְמָא דְאָתֵי**", וֶוער עֶס זָאגְט דִי הַגָּדָה, עֶר פַארְצֵיילְט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם אוּן בִּשְׁעַת עֶר פַארְצֵיילְט דִי הַגָּדָה פְרֵייְדְט עֶר זִיךְ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זוֹכֶה זַיין זִיךְ מִיט צוּ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט "**דְּהוּא חֶדְוּ מִכֹּלָּא**", וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע פְרֵייד וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט; זַיי גְרֵייט אַז דֶער שָׂטָן וֶועט טוּן אַלֶעס דִיר אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דַיין שִׂמְחָה זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵייליךְ בַּיים סֵדֶר נַאכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "**וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים**"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "**כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת**", אָמֵן.

**אַ כָּשֵׁר'ן אוּן פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.**

## זמנים לשבת הגדול

שחרית ... 6:30

מנחה וזמירות שלש סעודות ... 6:30

## זמנים פאר ערשטע טעג יום טוב

שחריתביידע טעג ... 10:30

מנחה ביידע טעג ... 7:30

## זמנים לחול המועד

ערשטע מנין שחרית ... 9:00

דף גמרא שיעור ... 10:00

שחרית מיט'ן ראש ישיבה שליט"א ... 11:00

מנחה ... 8:00

שיעור התחזקות ... 8:15

מעריב ... נאכ'ן שיעור

## זמנים פאר צווייטע טעג יום טוב

שחרית ביידע טעג ... 10:00

מנחה ביידע טעג ... 7:00

סעודות נעילת החג - סעודת משיח ... 7:15

**הגבאים**


**דער הייליגער רבי זאגט: איך האב דריי סארט מענטשן ביי מיר**

וועלכע דריי תירוצים זענען ריכטיג?

א) האט ליב מיינע תורות
ב) קומט עסן קוילעטש
ג) איינגעקריצט ביי מיר אין הארץ
ד) האט ליב די לימודים וואס איך לערן אויס

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז נחמן נתן וויינבערג נ"י
תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

האלט מען גאט אין די האנט


ראש ישיבה באזוכט אין גראסערי ב' ויקרא



ראש ישיבה באזוכט אין חדר ב' ויקרא


~~~~~~~~~~~~~